העכערן ענין וואָס מצד עצמה ווערט עס ניט נמשך און מ'דאַרף איר ממשיך זיין.

עפ"ז איז אויך מובן פאַרוואָס ביי בינה ז"א ומל' זאָגט ער אויך דעם לשון „נכלל" ווייל היות אַז זיי זיינען שייך צו כלים ואותיות און זיי זיינען מרומז אין די אותיות, זיינען זיי דאָרטן אין אַן אופן אַז זיי זיינען ניכר ובמציאות וכו', משא"כ ביי חכ' וכתר; אָבער בשעת מ'רעדט וועגן חכ' וכתר ווי זיי שטייען לגבי „אנת הוא חד וכו'" דאַן קען מען זאָגן אויך אויף חכ' וכתר אַז זיי זיינען „נכללות" אין די אותיות כנ"ל.

אוצר החכמה 116115

**רומז לבחי' רצה"ע ב"ה שלמע' מעלה:**

בלקוטי לוי"צ (על תניא) ע' כט, שורה ד"ה שעל היוד, שטעלט ער זיך אויף דעם כפל לשון „שלמעלה מעלה" און איז מבאר: „הכפל דמעלה הוא כי ח"ס דא"א הוא למעלה מח"ע דאצילות, ורצון העליון שהוא גלגלתא הוא למעלה מח"ס, א"כ רצון העליון הוא למעלה מעלה מח"ע דאצילות".

דאַרף מען פאַרשטיין: בשעת מ'זאָגט אַז דער יו"ד פון שם הוי' איז מרמז אויף חכמתו ית', וואָס דאָס איז דער ענין פון אצילות, און דער קוץ שעל היו"ד איז רומז אויף העכער פון דעם, מיינט מען דאָך דעם ענין הכתר בכללות, כולל אַלע דרגות אין כתר, וואָס אין כתר זיינען פאַראַן כמה דרגות — ס'זיינען פאַראַן מדות שבכתר, וואָס ווערן אָנגערופן „טורא חשיכא", דערנאָך איז פאַראַן דער ענין פון ח"ס, און דערנאָך איז דאָ דער ענין פון גלגלתא, רצון העליון;

אוצר החכמה 116115

במילא בשעת מ'זאָגט אַז דער קוץ שעל היו"ד איז „רומז לבחי' רצון העליון ב"ה שלמעלה מעלה מבחי' ח"ע", מיינט דאָס ניט קיין דרגא פרטי אין כתר, נאָר כללות ענין הכתר, וואָרום אין דעם קוץ שעל היו"ד זיינען ניט מרומז קיין דרגות פרטיים, דאַרף דאָך אויסקומען אַז אפילו דער ענין פון טורא חשיכא און אויך דער ענין פון ח"ס זיינען למעלה מעלה מח"ע דאצילות, איז פאַרוואָס זאָגט ער דאָ אין דער הערה אַז בלויז די דרגא פון רצון העליון, דרגת גלגלתא, איז „למעלה מעלה מח"ע דאצילות", משא"כ ח"ס, ועאכו"כ ניט די דרגא פון טורא חשיכא.

וממ"נ: אויב ער וויל שוין יע פאַנאַנדערטיילן לדרגות, דאַרף מען



ביאורי כ"ק אדמו"ר שליט"א בליקוטי לוי יצחק / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (עמוד 16) 116115 הודפס מאוצר החכמה

דאך בפשטות זאגן אז דער קוץ שעל היו"ד, וואס איז למעלה פון יו"ד הרומז לבחי' חכמה, איז די דרגא פון מהות שבכתר, וועלכע איז די דרגא וואס איז גלייך העכער פון חכמה, און ניט אויף גלגלתא — וואס צווישן דעם מיט חב' זיינען פאראן כמה דרגות; און אויב דער קוץ איז כולל בפרטיות אלע פארשידענע דרגות — וואו איז עס מרומז אין קוץ שעל היו"ד?

נאך מער: אויב ער טיילט דאס פאנאנדער אין דרגות, איז דערמאלט בחי' רצון העליון, גלגלתא, ניט נאר העכער פאר ח"ס, נאר דאס איז אויך העכער פאר דרגת טורא חשיכא, דארף ער דאך דערמאלט זאגן אז רצון העליון איז „למעלה מעלה מעלה (דריי מאל) מח"ע דאצילות", ווארום דרגת טורא חשיכא אליין איז למעלה פון ח"ע דאצילות, און ח"ס איז למעלה פון טורא חשיכא, און גלגלתא איז העכער פאר ח"ס, קומט דאך אוים אז רצון העליון איז למעלה מעלה מעלה (דריי מאל) מח"ע דאצילות?

נאר דאס וועט זיין פארשטאנדיק מיט דעם וואס אין אגה"ת ברענגט דער אלטער רבי נאר ענינים וועלכע זיינען נוגע לענין **התשובה**, לא חסר ולא יתיר, ד. ה. אז אלץ וואס מ'דארף האבן לענין התשובה איז דארט פאראן, און דאס וואס איז ניט נוגע לענין התשובה ברענגט ער דארט ניט.

במילא אז ער זאגט דא דעם לשון „רומז לבחי' רצון העליון ב"ה שלמעלה מעלה ממדריגת בחי' ח"ע" [וואס מיט דעם לשון „חכמה עילאה" באווארנט ער אז ער מיינט חכמה דאצילות, ניט „חכמה תתאה" וועלכע איז מלכות] איז דאס נוגע צום ענין התשובה:

דאס איז בהתאם מיט דעם וואס ער רעדט אין פרק ח' אז ע"י התשובה נעמט מען „מי"ג מדה"ר הנמשכות מרצון העליון ב"ה הנרמז בקוצו של יו"ד שלמעלה מעלה וכו' מאותיות שם הוי' ולכן הי"ג מדות הרחמים מנקים כל הפגמים", ווארום בכדי אראפ צו נעמען אלע פגמים דארף מען ממשיך זיין פון א העכערן ארט.

ווארום דער ענין פון תורה בכלל איז דאך חכמתו של הקב"ה, און אפילו ענין המצות וואס ענינם איז רצון, קומט דאס אבער אראפ ע"י החכמה, ווארום „תלמוד גדול שהתלמוד מביא לידי מעשה" (קידושין מ, ב), דערפאר בכדי ממלא זיין אלץ וואס ס'פעלט אין דער עבודה



ביאורי כ"ק אדמו"ר שליט"א בליקוטי לוי יצחק / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (עמוד 17) 116115 הודפס מאוצר החכמה

פון תו"מ, דאַרף מען ממשיך זיין פון העכער פאַר חכמה, פון די י"ג מדה"ר הנמשכות מרצון העליון ב"ה וכו' שלמעלה מעלה פון חכמה.

דערפאַר זאָגט ער דאָ אין פרק ד' דעם לשון „שלמעלה מעלה ממדריגת בחי' ח"ע" ווייל אַט דאָס איז די דרגא וואוהין מ'דערלאַנגט ע"י עבודת התשובה (ווי ער זאָגט דעם זעלבן לשון „שלמעלה מעלה" אין פ"ח). ווייל דער פגם איז דאָך אין חכמה, מוז מען דערלאַנגען אין אַ העכערן אָרט.

עפ"ז איז מובן אַז מיט „שלמעלה מעלה ממדריגת בחי' ח"ע" מיינט מען אויך העכער פון ח"ס. ובהקדים וואָס עס שטייט אין אגה"ק (סי' כ"ח) בנוגע פרה אדומה, אַז ע"י פטירת צדיקים איז מען ממשיך פון אַן אָרט וואָס איז העכער פון מו"ס מקור הבירורים, וואָס דערפאַר קען עס מכפר זיין אויף אַלע ענינים וכו'; זעט מען אַז די עבודה פון תו"מ [וואָס בכללות איז דאָס עבודת הבירורים], איז ניט נאָר פאַר־בונדן מיט ח"ע דאצילות, נאָר דאָס איז אויך פאַרבונדן מיט ח"ס, וואָס אויך אויף דעם זאָגט מען (ראה זח"ב רנד, ב. ע"ח שי"ח פ"ה) „בחכמה אתברירו", וואָרום אויך דאָרט איז נוגע עבודת הבירורים.

פון דעם איז פאַרשטאַנדיק אַז בשעת עס פעלט אין דער עבודה פון תו"מ, איז דאָס ניט נאָר פוגם אין ח"ע דאצילות נאָר דאָס איז אויך פוגם אין ח"ס וועלכע איז מקור הבירורים; במילא בשעת מ'דאַרף דאָס מתקן זיין ע"י תשובה, איז ניט מספיק אַז מ'זאָל נעמען פון אַן אָרט וועלכע איז העכער פאַר חכמה דאצי', נאָר וויבאַלד ער האָט פוגם געווען אויך אין ח"ס, דאַרף ער נעמען פון אַן אָרט וואָס איז העכער פאַר ח"ס.

דערפאַר איז אע"פ וואָס בכללות איז דער קוץ שעל היו"ד רומז לבחי' כתר, כולל אַלע דרגות פון כתר, איז אָבער בשעת מ'רעדט וועגן תשובה, איז נוגע צו רעדן וועגן דער דרגא וואָס איז העכער פאַר ח"ס, וואָס דערפאַר קען דאָס ממלא זיין די פגמים אין דער דרגא פון ח"ס.

מוז מען דאָך זאָגן אַז מיט די ווערטער „שלמעלה מעלה ממדריגת בחי' ח"ע" מיינט דער אלטער רבי צו זאָגן אַז דאָס איז העכער פאַר ח"ס [וואָס דערפאַר זאָגט ער טאַקע „שלמעלה מעלה", כנ"ל]. ומובן אַז ער דאַרף ניט זאָגן אַז עס איז העכער פאַר טורא חשיכא וכו' —



ביאורי כ"ק אדמו"ר שליט"א בליקוטי לוי יצחק / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (עמוד 18) 116115 הודפס מאוצר החכמה